# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:11
מוצאי שב"ק.....................9:42

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................אסתר ז'-ח'
בבלי.........................יבמות ק"ג
ירושלמי.....................שבועות ל"ג
תוספתא.........................פרה ו'
רמב"ם........................כלים כ"ד

פרשת בהעלותך, י"ט סיון, אבות פרק ב', שנת תשפ"ב לפ"ק — שנה 11, גליון 42 (557)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַעֲנַן ה' עֲלֵיהֶם יוֹמָם בְּנָסְעָם מִן הַמַּחֲנֶה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצ"ח), וֶוען אַ מֶענְטְש שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵייסְט מֶען אִים פָארְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת י"ד, ט"ו) מַה תִּצְעַק אֵלָי דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ. בַּיי קְרִיעַת יַם סוּף זֶענֶען דִי אִידְן גֶעשְׁטַאנֶען פַארְ'ן יַם זֵייעֶר פַארְלוֹירְן און דֶערְשְׁרָאקְן, דִי מִצְרִיִּים זֶענֶען זֵיי נָאכְגֶעלָאפְן פוּן הוּנְטְן, ווִילְדֶע חַיּוֹת הָאבְּן גֶעבְּרוּמְט אוֹיף זֵיי פוּן בֵּיידֶע זַייטְן אִינֶעם מִדְבָּר, און פוּן פָארְנְט אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער יַם, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעזֶען קַיין וֶועג אַרוֹיס פוּן דֶעם פְּלָאנְטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי אָבֶּער גֶעהֵייסְן פָארְן וַוייטֶער, אַרַיין אִין יַם אַרַיין, און דַאן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם יַם, זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי טְרוּקֶענִיש, און זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

דָאס גֵייט אוֹיךְ אָן בַּיי יֶעדְן מֶענְטְש, וֶוען עֶר גֶעפִונְט זִיךְ אִין אַ שְׁוֶועֶרֶע מַצָּב, עֶר טְרֶעפְט זִיךְ אִין אַ פְּלָאנְטֶער, און עֶר זֶעט נִישְׁט קַיין שׁוּם וֶועג אַרוֹיס דֶערְפוּן, עֶר שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן, זָאגְט מֶען אִים "פָּאר וַוייטֶער", וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן און גֶעב נִישְׁט אוֹיף, דוּ פְּרוּבִיר אָנְצוּגֵיין וַוייטֶער אִין דַיין לֶעבְּן, פְּרוּבִיר ווִיפִיל און וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט, וֶועסְטוּ נָאכְדֶעם זֶען וִוי שַׁיין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען און צָרוֹת.

מְ'טָאר נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֶעקְן מִיט דִי צָרוֹת און פְּרָאבְּלֶעמֶען, מְ'טָאר נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן און אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיפְ'ן לֶעבְּן, אַלְץ אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס, אֲפִילוּ וֶוען מְ'זֶעט עֶס נִישְׁט מִיט דִי אוֹיגְן, מְ'דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן צוּ גֵיין וַוייטֶער, נִישְׁט זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן פַאר קַיין שׁוּם זַאךְ. דֶער הֵיילִיגֶער מַהֲרַ"ש פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ זי"ע פְלֶעגְט זָאגְן, "דִי וֶועלְט זָאגְט אַז מְ'קֶען **נִישְׁט גֵיין אַרוּנְטֶער גֵייט מֶען אַרִיבֶּער, און אִיךְ זָאג אַז מְ'גֵייט לְכַתְּחִלָּה אַרִיבֶּער"**, דָאס מֵיינְט אַז מְ'קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן פַאר קַיין שׁוּם שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, מְ'גֵייט מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, און מְ'קוּמְט אִיבֶּער אַלֶע שְׁטֶערוּנְגֶען.

דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם פָּסוּק, וַעֲנַן ה' עֲלֵיהֶם יוֹמָם, וֶוען קֶען אַ אִיד זוֹכֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רוּעֶן מִיט אִים? עֶר זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אַלֶעס זָאל אִים גֵיין גוּט? בְּנָסְעָם מִן הַמַּחֲנֶה, וֶוען אִיז גְרֵייט אַלְץ צוּ פָארְן וַוייטֶער, גָארְנִישְׁט קֶען אִים אָפְּשְׁטֶעלְן פוּן זַיין וֶועג, עֶר גֵייט פָארְאוֹיס מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט לוֹיט ווִיפִיל און וִוי אַזוֹי עֶר קֶען, און אַזוֹי קוּמְט עֶר אָן צוּ אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל בְּהַעֲלוֹתְךָ תשס"ג)

## מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### זַיי מַצְלִיחַ

"זָאל זַיין מִיט מַזָּל און הַצְלָחָה", אִיז אַ בְּרָכָה וָואס יֶעדֶער וואוּנְטְשׁ זִיךְ צוּ הֶערְן אִין יֶעדֶע פַאזֶע אִין לֶעבְּן. אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי נַאטוּר פוּנֶעם מֶענְטְש; יֶעדֶער ווִיל מַצְלִיחַ זַיין, יֶעדֶער ווִיל שְׁטֵייגְן, יֶעדֶער ווִיל זַיין סוּקְסֶעסְפוּל, יֶעדֶער ווִיל אָנְקוּמֶען צוּ זַיינֶע צִילְן אִין לֶעבְּן. נִישְׁט אַלְץ גֵייעֶן אָבֶּער זַאכְן וִוי מֶען ווִיל, וִוי מֶען הָאט זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַז עֶס וֶועט גֵיין, עֶס קוּמֶען כְּסֵדֶר אוּנְטֶער שְׁטֵיינְדְלֶעךְ אִין וֶועג, זַאכְן פַארְהַאנְקֶערְן זִיךְ אִינְדֶערְמִיט, זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט וִוי גֶעפְּלַאנְט; יֶעדֶער זוּכְט דֶער וֶועג צוּ הַצְלָחָה, זַאכְן זָאל זִיךְ גְלִיטְשְׁן וִוי גֶעשְׁמִירְט, יֶעדֶער זוּכְט דֶעם שְׁלִיסְל צוּ אַ גוּט מַזָּל; וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ דָאס אַיינְהַאנְדְלֶען?

דִי עֶרְשְׁטֶע טְרֶעפְּל אוֹיפְ'ן לֵייטֶער פוּן הַצְלָחָה אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין קָאפּ אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ און יֶעדֶע גְרוֹיסֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוערְט גֶעפִירְט נָאר דוּרְכְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (חוּלִין ז':) "אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה, אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה", אַ מֶענְטְש צֶעקְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער דָא אוּנְטְן, אֵיידֶער מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אוֹיבְן אִין הִימְל אַז דָאס הָאט דַארְף פַּאסִירְן. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת נ"ח.) "אֲפִילוּ רֵישׁ גַּרְגִּיתָא מִן שְׁמַיָּא מַנוּ לֵיהּ", אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דִי גְרִיבֶּער און דִי מִיסְט, וָואס דָאס אִיז גָאר אַ נִידְרִיגֶע שְׁטֶעלֶע, אִיז דָאס אוֹיךְ פוּן הִימְל אַזוֹי אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אַז דַוְקָא יֶענֶער

<<<<<<

## א גוט ווארט

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יב, ט) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (מִשְׁלֵי כז, יח): "נֹצֵר תְּאֵנָה יֹאכַל פִּרְיָהּ וְגוֹ'", דֶער וָואס הִיט דִי פַייגְנְבּוֹים - דֶער עֶסְט אִירֶע פְּרוּכְט, "לָמָּה נִמְשְׁלָה תּוֹרָה כַּתְּאֵנָה", פַארְוָואס אִיז דִי תּוֹרָה צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ פַייגְן בּוֹים? "שֶׁרֹב הָאִילָנוֹת: הַזַּיִת, הַגֶּפֶן, הַתְּמָרָה, נִלְקָטִים כְּאֶחָת", וַוייל אַנְדֶערֶע בֵּיימֶער, דֶער אֵיילְבִּירְט בּוֹים, דֶער טְרוֹיבְּן בּוֹים און דִי טֵייטְלְבּוֹים - וֶוערְן אִירֶע פְרוּכְט גֶעצַייטִיגְט אִין אֵיין צַייט, מֶען קֶען זֵיי אַלֶע אַרָאפְּנֶעמֶען אוֹיף אֵיין מָאל, "וְהַתְּאֵנָה נִלְקֶטֶת מְעַט מְעָט", אַנְדֶערְשׁ אִיז דִי פַייגְנְבּוֹים, זֵי וֶוערְט נִישְׁט גֶעצַייטִיגְט אִין אֵיין צַייט. "וְכָךְ הַתּוֹרָה", אַזוֹי אִיז דִי תּוֹרָה, מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, "הַיּוֹם לוֹמֵד מְעַט וּלְמָחָר הַרְבֵּה, לְפִי שֶׁאֵינָהּ מִתְלַמֶּדֶת לֹא בְּשָׁנָה וְלֹא בִּשְׁתַּיִם", הַיינְט אַבִּיסְל, מָארְגְן אַבִּיסְל - בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען צוּ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, "עָלָיו נֶאֱמַר, נֹצֵר תְּאֵנָה", מֶען קֶען נִישְׁט עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה אִין אַ קוּרְצֶע צַייט.

דָאס הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט פוּן רֶבִּיִ'ין אַז אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט פוּן רֶבִּיִ'ין צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסֶעלֶע מִיט אַבִּיסֶעלֶע, אַזוֹי אִיז מַיין גַאנְצֶע טָאג אָנְגֶעפִילְט מִיט תּוֹרָה"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, לֶערְן אַבִּיסֶעלֶע יֶעדְן טָאג - וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען און עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בַּמִּדְבָּר תשפ"ב)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# זָאל מֶען אָוֶועקְלֵייגְן גֶעלְט אוֹיף שְׁפֶּעטֶער?

*שְׁאֵלָה:*

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, מַיין מַאן אוּן אִיךְ זֶענֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק, עֶס הֶעלְפְּט אוּנְז אַסַאךְ אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן צְוֵויי זַאכְן. עֶרְשְׁטְנְס וֶועגְן אָוֶועקְלֵייגְן גֶעלְט, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט אַז מֶען זָאל אַוֶועקְלֵייגְן אַבִּיסְל גֶעלְט אִין דִי זַייט יֶעדֶע וָואךְ אָדֶער חוֹדֶשׁ פַאר שְׁפֶּעטֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל צוּ קוֹיפְן אַ הוֹיז אָדֶער פַארְ'ן חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, אֲפִילוּ פַאר אַ פָּשׁוּטֶע בִּילִיגֶע חֲתוּנָה דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן גֶעלְט.

צְוֵוייטְנְס, וֶוען מִיר עֶסְן בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן, קֶען מַיין מַאן זִיךְ אָנְרוּפְן צוּ מִיר אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה נַארִישֶׁע בַּאמֶערְקוּנְגֶען אוֹיף דָאס אוּן אוֹיף יֶענְץ, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ רֶעאַגִירְן. עֶס שְׁטֶערְט מִיר נִישְׁט אַזוֹי וַוייט דִי זַאכְן וָואס עֶר זָאגְט, אָבֶער עֶס אִיז אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה, אוּן עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרַיין יֶעצְט, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ רֶעאַגִירְן אוֹיף אַ וֶועג אַז עֶר זָאל נִישְׁט בַּאמֶערְקְן אַז עֶס מַאכְט מִיר נֶערְוֶועז, אוּן עֶס פַּאסְט נִישְׁט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ג' סִיוָן, מ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אַוַודַאי דַארְף מֶען אָוֶועקְלֵייגְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען קוֹיפְן אַ הוֹיז, קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער אוּן קֶענֶען לֶעבְּן; דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן דִי גֶעלְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפא), וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעקוּמֶען קְרֶעכְצְן צוּם רֶבִּי'ן אַז זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן גֶעלְט - פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי זֵיי פַארְשֶׁעמֶען, דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵיי פָארְהַאלְטְן פַארְוָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן, וִויאַזוֹי קֶען דָאס פַּאסִירְן?!

בְּנוֹגֵעַ אֵייעֶר מַאן וְכוּ'; פוּן אַייעֶרֶע וֶוערְטֶער פַארְשְׁטֵיי אִיךְ אַז עֶס שְׁטֶערְט אַייךְ נָאר וֶוען אִיר זֶענְט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, אִיר הָאט פְּרֶעשׁוּר וָואס מֶען וֶועט זָאגְן; בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, אִיר זָאלְט קוּקְן אוֹיף אֵייעֶר מַאן מִיט שֶׁעצוּנְג, עֶס זָאל אַייךְ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן אוֹיף אִים אוּן וָואס זֵיי זָאגְן אוֹיף אִים; עֶר זָאל זַיין אִין אַייעֶרֶע אוֹיגְן וִוי אַ קֶענִיג, עֶס זָאל אַייךְ נִישְׁט בַּאדֶערְן וָואס עֶר זָאגְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה בַּמִּדְבָּר תשפ"ב)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

זָאל בַּאקוּמֶען דֶעם פָּאסְטְן.

וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט דָאס מִיט אַ קְלָארְקֵייט, עֶר אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אַז קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן אוֹיף דֶער וועלְט, אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט הוֹיבְּט זִיךְ אָן זַיין וֶועג צוּ הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן. מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט מוֹרָא אַז אֶפְשָׁר וֶועט אֵיינֶער צוּכַאפְּן זַיינֶע זַאכְן, מֶען אִיז שׁוֹין נִישְׁט מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן אַז יֶענֶעם גֵייט בֶּעסֶער, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא ל"ח.) "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לָךְ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בַּחֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אַז מֶען וֶועט אִים עֶפֶּעס צוּכַאפְּן, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֶועט גֶערוּפְן וֶוערְן בַּיים נָאמֶען אוּן גֶעשְׁטֶעלְט וֶוערְן פוּנְקְט וואוּ עֶר דַארְף זַיין, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אָנְרִירְן עֶפֶּעס וָואס אִיז צוּגֶעגְרֵייט פַאר אַ צְוֵוייטְן, אֵיין קֶענִיגְרֵייךְ קֶען נִישְׁט צוּרִירְן אִין אַן אַנְדֶערֶע אֲפִילוּ נִישְׁט מִיט קַיין הָאר.

אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ הוֹיבְּן זִיךְ אָן מִיט דֶעם וָואס עֶר פַאלְט אַרַיין אַ קַטְנוּת הַדַעַת, עֶר אִיז נִישְׁט זִיכֶער מִיט זִיךְ, עֶר אִיז פוּל מִיט בִּלְבּוּלִים אוּן מַחְשָׁבוֹת אַז אַנְדֶערֶע זֶענֶען מֶער גֶעלוּנְגֶען פוּן אִים, יֶעדֶער אִיז אַזוֹי שֵׁיין מַצְלִיחַ, יֶעדְן גֵייט אַזוֹי גוּט, אוּן נָאר פַאר אִים גֵייט אַלֶעס מִיטְ'ן לִינְקֶען פוּס; אוּן מִיט דֶעם וָואס עֶר פַאלְט אַרַיין אִין דִי חֲלִישׁוּת הַדַעַת אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ, עֶר הָאט אַלְץ מוֹרָא אַז מֶען גֵייט אַלֶעס צוּנֶעמֶען פוּן אִים, דָאס אַלֵיין מַאכְט אַז עֶר זָאל טַאקֶע נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, עֶר זָאל וֶוערְן אַ שְׁלִימַזָל וָואס טוֹיג צוּ גָארְנִישְׁט.

דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע נֶעגַאטִיוֶוע גֶעדַאנְקֶען, קוּמֶען נָאר פוּן דֶעם וָואס מֶען רַייסְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט נִישְׁט אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין פִּירְט יֶעדֶע זַאךְ; וֶוען אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ אָבֶער מִיט אֱמוּנָה, עֶר קְלֶעבְּט זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֵוייסְט אַז עֶר וֶוערְט גֶעפִירְט פוּן אוֹיבְּן אוֹיף יֶעדְן טְרִיט אוּן שְׁרִיט, דֶעמָאלְט הוֹיבְּט אָן שַׁיינֶען זַיין מַזָל אוּן הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן, עֶר בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע בִּטָחוֹן אוּן אַ זֶעלְבְּסְזִיכֶערְקֵייט, עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט, דָאס גֶעבְּט אִים דִי מוּט אוּן קוּרַאזְשׁ אָנְצוּגֵיין אוּן פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ.

מִיט אֱמוּנָה וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט; אַז מִיר וֶועלְן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אַיינְקְרִיצְן אִין מֹחַ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעמָאל מִיט אוּנְז, וֶועלְן מִיר גָאר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין אִין יֶעדְן הִינְזִיכְט.

### הִיט דַיין מוֹיל

אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען פַאר דִי הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן, אִיז זִיךְ צוּ הִיטְן דָאס מוֹיל. רוֹב צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט וָואס אַ מֶענְטְשׁ מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין לֶעבְּן, הָאט עֶר זִיךְ אַלֵיין אָנְגֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף זִיךְ, מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן וָואס עֶר רֶעדְט. עֶס אִיז כִּמְעַט נִישְׁטָא קַיין פְּלָאנְטֶער אִין וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעדְרֵייט, וָואס הָאט זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אִיבְּרִיגֶע וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט אוֹיף אַ נִישְׁט רִיכְטִיגֶע וֶועג.

עֶס אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם, "וִוי לַאנְג דוּ הָאסְט נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דָאס וָוארְט, בִּיסְטוּ בַּעַל הַבַּיִת דֶערוֹיף; וִוי נָאר דוּ הָאסְט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דָאס וָוארְט, אִיז שׁוֹין דָאס וָוארְט בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף דִיר", אוּן נָאךְ אַ מַאֲמָר, "וֶוען אִיךְ רֶעד, קֶען זַיין אִיךְ וֶועל חֲרָטָה הָאבְּן דֶערוֹיף; וֶוען אִיךְ שְׁוַויג, וֶועל אִיךְ זִיכֶער נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן". מִיט אֵיין שְׁלֶעכְט וָוארְט וָואס מֶען הָאט זִיךְ בְּטָעוּת אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט אִין אַ שְׁוַואכֶע מִינוּט, מִיט אֵיין וָוארְט וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעפְּלִיקְט אַ צְוֵוייטְן זַייעֶנְדִיג אוֹיפְגֶערֶעגְט, קֶען מֶען נָאכְדֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק לַיידְן דֶערְפוּן, דֶער מֶענְטְשׁ בְּרֶענְגְט זִיךְ אַלֵיינְס אָן צָרוֹת, יִסוּרִים, אוּן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט.

אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וִויל הָאבְּן הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן, עֶר וִויל זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן פִילֶע צָרוֹת אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ, זָאל עֶר צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ שְׁוַוייגְן וִוי מֶער, עֶס זָאל וֶוערְן בַּיי אִים וִוי אַ צְוֵוייטֶע נַאטוּר נִישְׁט צוּ רֶעדְן אִיבְּרִיגֶע וֶוערְטֶער, אַ חָכָם הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "וִוי מֶער דוּ וֶועסְט שְׁוַוייגְן אוּן אוֹיסְהֶערְן, וֶועט זַיין חָכְמָה שֶׁענֶער וֶוערְן אוּן דַיינֶע טָעוּתִים וֵוייניִגֶער וֶוערְן", נָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט, "וִוי וֵוייניִגֶער רֵייד, אַלְץ וֵוייניִגֶער גְרַייזְן".

וֶוען מֶענְטְשְׁן זָאלְן וִויסְן וִויפִיל צָרוֹת אוּן יִסוּרִים זֵיי קֶענֶען אוֹיסְמַיידְן אִין זֵייעֶר לֶעבְּן בְּלוֹיז דוּרְךְ דִי מִדָּה פוּן שְׁוַוייגְן, וָואלְטְן זֵיי זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט אַלְץ אָפְּצוּשְׁוַוייגְן וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט זֵיי אוּן מֶען טְשֶׁעפֶּעט זֵיי; אַ מַאן וָואלְט אָפְּגֶעשְׁוִויגְן פַאר זַיין וַוייבּ, אַ פְרוֹי וָואלְט אָפְּגֶעשְׁוִויגְן פַאר אִיר מַאן, אוּן אַזוֹי וָואלְט מֶען צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן אַלֶע סָארְט קְרִיגֶערֵייעֶן אוּן רַייבֶּערֵייעֶן, וִיכּוּחִים אוּן טַעֲנָה'רֵייעֶן. אוּן דִי זֶעלְבֶּע מִיט חֲבֵרִים אוּן בַּאקַאנְטֶע, וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט הָאבְּן אַ רוּאִיג אוּן צוּפְרִידְן לֶעבְּן, זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, וֶוען מֶען רֶעדְט וֶוען נִישְׁט אַזוֹיפִיל אִיבְּרִיגֶע רֵייד. "דִי בֶּעסְטֶע וֶועג מִלְחָמָה צוּ הַאלְטְן מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, אִיז דוּרְכְ'ן אִים אָפְּשְׁוַוייגְן" - הָאט אַ חָכָם זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט - "רֶעד וִוי וֵוייניִגֶער, וֶועסְטוּ הָאבְּן וֵוייניִגֶער זִינְד", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לָאזְט הֶפְקֵר זַיין מוֹיל, עֶר רֶעדְט אַלֶעס וָואס קוּמְט אִים אוֹיפְ'ן

<<<<<<

צוּנְג, הוֹיבְּט עֶר אָן שֶׁעלְטְן אוּן זִיךְ קְרִיגְן, שְׁרַייעֶן אוּן זִיךְ טַעֲנָה'ן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם מַחְלוֹקֶת אוּן פַּיינְטְשַׁאפְט, אוּן אַזוֹי פַארְבִּיטֶערְט מֶען זִיךְ אַלֵיין דָאס לֶעבְּן.

נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ אִיז דָא פוּן וָואס מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן דָאס מוֹיל, אִיז נִישְׁט צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר אַנְדֶערֶע קַיין פְּרִיוַואטֶע זַאכְן, קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן אַ צְוֵוייטְן מִיט אַ סוֹד, נִישְׁט מִיטְטֵיילְן מִיט אַנְדֶערֶע דִי פֶּערְזֶענְלִיכֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן אַזוֹי קֶען דֶער מֶענְטְשׁ זַיין רוּאִיג אוּן נִישְׁט זַיין דֶערְשְׁרָאקְן אַז אֶפְשָׁר וֶועט יֶענֶער אוֹיסְזָאגְן זַיינֶע בַּאהַאלְטֶענֶע זַאכְן, אֶפְשָׁר וֶועט יֶענֶער אוֹיסְכַאפְּן זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַזֶעלְכֶע סָארְט דַאֲגוֹת, בִּלְבּוּלִים, אוּן פְּחָדִים, וָואס דָאס אִיז דֶער טִיר צוּ אַ דוּרְכְפַאל אִין לֶעבְּן. וִוי דֶער מַאֲמַר הֶחָכָם, "אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדַארְפְט מֶער שׁוֹינֶען אוֹיף זַיינֶע רֵייד, וִוי אוֹיף זַיין גֶעלְט", נָאךְ אַ מַאֲמַר, "עֶס זָאל דִיר גְרִינְגֶער אָנְקוּמֶען אוֹיסְצוּגֶעבְּן גֶעלְט, וִוי אוֹיסְצוּגֶעבְּן רֵייד", אַזוֹי שְׁטַארְק הָאבְּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע חֲכָמִים גֶעוָוארְנְט זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיפְ'ן מוֹיל. וִוי מֶער מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ רֶעדְן קַיין אִיבְּרִיגֶע רֵייד, אַלְץ מֶער שְׁפָּארְט מֶען זִיךְ אַיין אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין לֶעבְּן.

חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק א', מִשְׁנָה ה') "אַל תַּרְבֶּה שִׂיחָה עִם הָאִשָּׁה", אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן צוּ סַאךְ מִיט זַיין וַוייבּ, דָאס גֵייט אַרוֹיף אַז מֶען זָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַּאר דִי וַוייבּ דִי אֵייגֶענֶע דוּרְכְפֶעלֶער. אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַהֵיים אוּן דֶערְצֵיילְט פַּאר זַיין וַוייבּ אַז הַיינְט הָאט עֶר גֶעהַאט צוּטוּן מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם, דֶער הָאט מִיךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן יֶענֶער הָאט מִיר פַּארְשֶׁעמְט, אָדֶער אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ דוּרְכְפַאל, זַאכְן זֶענֶען אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען גוּט, אוּן וֶוען עֶר פַּארְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן; דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶס גֵייט אִים הֶעלְפְן אַז זַיין וַוייבּ וֶועט אִים שׁוֹינֶען אוּן רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, פַּאקְטִישׁ וֶועט דָאס אָבֶער נָאר מַאכְן אַז זַיין וַוייבּ זָאל אִים אַרָאפְּקוּקְן אַלְס אַ שְׁלִימַזָל אוּן אַ דוּרְכְפַאל, זִי וֶועט אִים מֶער נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעצְן אוּן אַרוֹיפְקוּקְן, אוּן דָאס וֶועט נָאר מַאכְן פְּרָאבְּלֶעמֶען. דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז צוּ רֶעדְן אִינְדֶערְהֵיים נָאר פָּאזִיטִיוו, נָאר דֶערְצֵיילְן גוּטֶע זַאכְן וִוי אַזוֹי מֶען הָאט שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען; אַלֶע שְׁוֶוערֶע זַאכְן דַארְף מֶען נָאר דֶערְצֵיילְן פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

לָאמִיר זִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען אִין הַארְץ אוּן אִין מֹחַ דִי ווִיכְטִיגֶע עֵצָה צוּם לֶעבְּן, אַלְץ רֶעדְן וִוי וֵוינִיגֶער אוּן שְׁוַוייגְן וִוי מֶער, וִוי דֶער מַאֲמַר הֶחָכָם, "אַ סִימָן פוּן אַ חָכָם - עֶר רֶעדְט וֵוינִיג, אַ סִימָן פוּן אַ נַאר - עֶר רֶעדְט אַסַאךְ", דָאס וֶועט אוּנְז אָפְּהִיטְן פוּן אַזוֹיפִיל סָארְט שְׁלֶעכְטְס, אוּן וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען גְרוֹיס הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן.

(קוּנְטְרֵס זַיי מַצְלִיחַ)



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# אַנְשְׁטָאט שְׁרַייעֶן אִין שְׁטוּבּ, שְׁרַייט מֶען "שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן, פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע לִימוּדִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה לֶערְנְט מִיר אוֹיס, בִּפְרַט וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ מַיין וַוייבּ, אִיר אוֹיסְהֶערְן, אִיר בַּארוּאִיגְן אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ קֶען אִיר בִּכְלַל נִישְׁט הֶעלְפְן, נָאר רֶעדְן שֵׁיין אוּן אוֹיסְהֶערְן.

אִיךְ ווִיל שְׁרַייבְּן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דֶעם שַׁבָּת, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר שַׁבָּת דֶעם "עֶיר קָאנְדִישָׁאן" אוֹיף אַ גֶעווִיסֶע נוּמֶער אַז וֶוען עֶס פִילְט אַז עֶס אִיז הֵייס זָאל זִיךְ עֶס אָנְצִינְדֶען. לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ עֶס נִישְׁט גוּט אָנְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן עֶס הָאבּ זִיךְ כִּמְעַט נִישְׁט אָנְגֶעצִינְדֶען. וֶוען אִיךְ בִּין אַהֵיים פוּן שׁוּל אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר הֵייס, שְׁרֶעקְלִיךְ הֵייס, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶס זָאל זִיךְ שׁוֹין אָנְצִינְדֶען, לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ עֶס עֶרְשְׁט אָנְגֶעצִינְדֶען אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה אוּן פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה הָאבּ אִיךְ הוֹיךְ אוֹיסְגֶערוּפְן "שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!"

פוּן דֶעמָאלְט אוּן וַוייטֶער, יֶעדֶעס מָאל עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעצִינְדֶען, הָאט מַיין זוּן, וָואס אִיז צְוֵויי יָאר אַלְט אוּן הָאט יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן, גֶעשְׁרִיגְן "שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!"

וֶוען אִיךְ זָאל ח"ו שְׁרַייעֶן אוֹיף מַיין וַוייבּ פַארְוָואס זִי הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְשְׁטֶעלְן נָארְמַאל, כָאטְשׁ וָואס ס'הָאט בֶּאֱמֶת גָארְנִישְׁט מִיט אִיר, אָבֶער וִוי דֶער סֵדֶר הָעוֹלָם וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט גוּט אִיז דִי וַוייבּ שׁוּלְדִיג, וָואלְט מַיין זוּן גֶעשְׁרִיגְן יֶעדֶעס מָאל?

**אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער זִיךְ גֶענוּג צוּ בַּאדַאנְקֶען. יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, ג' סִיוָן, מ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶענְטְשְׁן כַאפְּן נִישְׁט, מֶען לֵייגְט נִישְׁט צוּ קָאפּ אַז יֶעדֶע וָוארְט וָואס מַאן אוּן וַוייבּ רֶעדְן - הֶערְן זִיךְ דִי קִינְדֶער צוּ דֶערְצוּ; נִישְׁט נָאר דִי גְרוֹיסֶע, נָאר דִי גָאר קְלֵיינֶע. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה נו:): "שׁוּתָא דִינוּקָא בְּשׁוּקָא", וָואס אַ קִינְד רֶעדְט, "אוֹ דַאֲבוּהָ אוֹ דְאִימֵיהּ", אָדֶער הָאט עֶר דָאס גֶעהֶערְט פוּן דֶער טַאטֶע אָדֶער פוּן דִי מַאמֶע.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז חִינוּךְ הָאט מִיט דִי קִינְדֶער, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, חִינוּךְ הָאט מִיט זִיךְ; וִוי אַזוֹי דוּ פִירְסְט זִיךְ - וֶועסְטוּ דָאס זֶען אִין דַיינֶע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי מֶען קוּקְט אִין אַ שְׁפִּיגֶל; קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף אִין אַ שְׁטוּבּ וָואס יֶעדֶע צְוֵוייטֶע וָוארְט אִיז "אֵייבֶּערְשְׁטֶער", לוֹיבּ וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה, וֶוען עֶפֶּעס פַּאסִירְט שְׁרֵייט מֶען הוֹיךְ: "גַם זוּ לְטוֹבָה!" "שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!" - וֶועלְן דִי קִינְדֶער דָאס נָאכְמַאכְן, זֵיי וֶועלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, עֶס וֶועט זֵיי גוּט גֵיין.

אַז קִינְדֶער הֶערְן עֶלְטֶערְן שְׁרַייעֶן אוּן שֶׁעלְטְן, אוּן וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט וִוי מֶען ווִיל - וֶוערְט מֶען פַארְלוֹירְן, מֶען שֶׁעלְט, מֶען שְׁרֵייט - וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ אַזוֹי לֶעבְּן, אוּן וֶוען דֶער טַאטֶע וֶועט רוּפְן דִי קִינְדֶער אִין אַן עֶרְנְסְטְן מִינוּט אוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי מוּסָר - וֶועלְן זֵיי זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט אוּנְטֶערְלַאכְן, עֶס וֶועט נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין זֵייעֶר הַארְץ, עֶס וֶועט זֵיי שְׁטֶעכְן דִי וֶוערְטֶער; זֵיי זֶעעֶן דָאךְ אַ לֶעבֶּעדִיגֶע פַּארְקֶערְטֶע בֵּיישְׁפִּיל וִוי דֶער מוּסָר סֵפֶר...

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ קִינְד, מֶען הָאט אִים גֶעפִירְט אִין חֵדֶר בַּיי דִי דְרֵיי יָאר זָאגְן דִי א' ב'; נִישְׁט אַלֶע קִינְדֶער לָאזְן זִיךְ פוּנֶעם מְלַמֵד זָאגְן דִי א' ב', אַסַאךְ קִינְדֶער וֵויינֶען אוּן שְׁרַייעֶן. אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ קִינְד וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אַ זֵייעֶר מִיאוּסֶ'ע וָוארְט, דֶער מְלַמֵד הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס הָאט אִים בַּאטְרָאפְן, 'וִוי קֶען זַיין אַ קִינְד פוּן דְרֵיי יָאר זָאל זָאגְן אַ מִיאוּסֶ'ע וָוארְט וָואס מֶען הֶערְט נָאר בַּיי דִי נִידְרִיגֶע אוּמוֹת הָעוֹלָם?' דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעזוּכְט אַ לָאךְ וואוּ זִיךְ צוּ בַּאגְרָאבְן פַאר בּוּשָׁה, אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען דֶערְשְׁרָאקְן, שְׁטִיל, מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶערִירְט; דֶער מְנַהֵל הָאט גֶענוּמֶען דֶעם קִינְד אוּן אַ זַייט מִיט אַ גְרוֹיסֶע שְׁטֶעקְן, עֶר גֵייט אִים שְׁלָאגְן מַלְקוֹת, רוּפְט זִיךְ אָן אַ גוּטֶער אִיד צוּם מְנַהֵל: "פַארְוָואס שְׁלָאגְסְטוּ דֶעם קִינְד? שְׁלָאג דִי עֶלְטֶערְן; דֶער קִינְד הֶערְט דָאס טָאג אוּן נַאכְט, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מֵיינְט שְׁלֶעכְט, וָואס מֵיינְט גוּט - עֶר זָאגְט וָואס עֶר הֶערְט אִין שְׁטוּבּ".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ה): "אַמָאל הָאט דֶער בֶּן מֶלֶךְ גִישְׁנִיצְט הָאלְץ אוּן הָאט זִיךְ אַ שְׁנִיט גִיטָאן אִין פִינְגֶער. אִיז דִי בַּת מַלְכָּה צוּ גִילָאפִין. אִים אַרוּם בִּינְדְן דֶעם פִינְגֶער. הָאט זִי דָארְט דֶערְזֶען אֵיין אֶבֶן טוֹב", דִי בַּת מַלְכָּה אִיז גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן הֶעלְפְן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ וֶוען עֶר הָאט זִיךְ צֶעשְׁנִיטְן דִי פִינְגֶער, אִים פַארְבִּינְדְן אוּן אָפְּשְׁטֶעלְן דָאס בְּלוּט, הָאט זִי גֶעזֶען עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ דֵיימַאנְט, דָאס אִיז דֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס דֶער צַדִיק הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט זַיין בְּלוֹיז פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת. קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעזֶען אַז דָאס אִיז טַאקֶע אַזוֹי גֶעוֶוען, אָבֶער וֶוען דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט זִיךְ צֶעשְׁנִיטְן - אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ דֵיימַאנְט.

אַזוֹי אִיז מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן, מֶען זֶעט נִישְׁט פוּן דְרוֹיסְן אַז מֶען אִיז בְּלוֹיז פוּן דֵיימַאנְטְן, אָבֶער וֶוען מֶען צֶעשְׁנַיידְט זִיךְ, מֶען קוּמְט אַהֵיים שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי נַאס פוּן שְׁוֵוייס, קוּים וָואס מֶען קֶען אָטֶעמֶען, מֶען גֵייט אַ לַאנְגֶע וֶועג, מֶען הָאט כֹּחַ נָאר וַוייל מֶען וֵוייסְט אַז 'נָאךְ אַבִּיסְל קוּם אִיךְ אַהֵיים אִין אַ קִילֶע שְׁטוּבּ', אוּן וֶוען מֶען קוּמְט אַהֵיים, מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ אַן עֶירְקָאנְדִישְׁן - דֶעמָאלְט קוּמְט אַרוֹיס דִי דֵיימַאנְט שְׁטֵיין, מֶען זָאגְט: "גַם זוּ לְטוֹבָה!" מֶען בְּלַייבְּט פְרֵיילִיךְ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בַּמִדְבָּר תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

# דִּי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קמב)

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי זָאגְט אַ לַאנְגֶע תּוֹרָה וָואס צִיעֶט זִיךְ פַאר פִּיר שָׁעָה.

תקיז

אִין דִי תּוֹרָה זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַ בְּחִינָה פוּן "בָּשָׂר - פְלֵייש", אוּן אַנְדֶערֶע זֶענֶען אַ בְּחִינָה פוּן "עֶצֶם - בֵּיין", וֶוען דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען וִוי פְלֵייש הֶערְן דֶעם קוֹל פוּנֶעם צַדִיק וִוי עֶר זָאגְט תּוֹרָה, זֶענֶען דִי רֵייד פוּנֶעם צַדִיק זֵיי מְעוֹרֵר אוּן בְּרֶענְגְט זֵיי צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דִי אַנְדֶערֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן, וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן זֶענֶען וִוי אַ בֵּיין, זֵיי הֶערְן נִישְׁט דֶעם קוֹל פוּנֶעם צַדִיק, אוּן אֲפִילוּ וֶוען זֵיי הֶערְן יָא דֶעם קוֹל, כַּאפְּן זֵיי נָאר אוֹיף דֶעם "קוֹל הֲבָרָה", דֶעם וִוידֶערְקוֹל, אוּן זֵיי כַּאפְּן נִישְׁט קֵיין הִתְעוֹרְרוּת דֶערְפוּן. דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֵיין, חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ"ח:) "אֲנָחָה שׁוֹבֶרֶת גּוּפוֹ שֶׁל אָדָם", אַ קְרֶעכְץ צֶעבְּרֶערְכְט דֶעם גוּף פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס הֵייסְט עֶס צֶעבְּרֶעכְט דִי עַזּוּת אוּן שְׁלֶעכְטְקֵייט פוּנֶעם גוּף, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַלֶע הֵיילִיגֶע קוֹלוֹת, וֶוען אַ אִיד שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קְרֶעכְצְט זִיךְ אוֹיס, עֶר הֶערְט דֶעם קוֹל פוּנֶעם שׁוֹפָר, אַ קוֹל פוּן זִינְגֶען, דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע קוֹלוֹת זֶענֶען עַזּוּת דִקְדוּשָׁה, אוּן דָאס צֶעבְּרֶעכְט דִי שְׁלֶעכְטֶע עַזּוּת פוּנֶעם גוּף, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען דֶערְנֶענְטֶערְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז דָאס אַלֶעס אִיז נָאר גוּט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ פְלֵיישִׁיגֶע הַארְץ, דֶעמָאלְט קֶען דֶער מֶענְטְשׁ דֶערְהֶערְן דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע קוֹלוֹת אוּן דָאס קֶען אִים אוֹיפְהוֹיבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פַארְהַארְטֶעוֶועט, עֶר אִיז וִוי אַ בֵּיין, דֶעמָאלְט הֶערְט עֶר נִישְׁט בִּכְלָל דִי אַלֶע גוּטֶע קוֹלוֹת, עֶר הֶערְט נָאר דֶעם וִוידֶערְקוֹל, אוּן עֶס הֶעלְפְט אִים נִישְׁט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דָאס אַרַיין אִין דִי רֵייד פוּן חֲזַ"ל (רֹאשׁ הַשָּׁנָה כ"ז:) "הַתּוֹקֵעַ לְתוֹךְ הַבּוֹר", אֵיינֶער בְּלָאזְט שׁוֹפָר אִין אַ גְרוּבּ, "אִם קוֹל שׁוֹפָר שָׁמַע, יָצָא", אוֹיבּ הָאט עֶר גֶעהֶערְט דֶעם קוֹל פוּנֶעם שׁוֹפָר, הָאט עֶר יוֹצֵא גֶעוֶוען, "וְאִם קוֹל הֲבָרָה שָׁמַע, לֹא יָצָא", אוּן אוֹיבּ הָאט עֶר גֶעהֶערְט נָאר דִי וִוידֶערְקוֹל פוּנֶעם שׁוֹפָר, הָאט עֶר נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶוען. דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט טִיף אִין דֶער עֶרְד, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים פ"ח, ז') "שַׁתַּנִי בְּבוֹר תַּחְתִּיּוֹת", אוּן דֶער מֶענְטְשׁ קְרֶעכְצְט אוֹיף דֶעם, עֶר בְּלָאזְט אוֹיף דֶעם, עֶס טוּט אִים וֵויי, דֶעמָאלְט וֶוענְדְט זִיךְ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הֶערְט, אוֹיבּ אִיז עֶר אַ מֶענְטְשׁ פוּן פְלֵייש, דֶעמָאלְט הֶערְט עֶר דֶעם קוֹל שׁוֹפָר, "יָצָא", קֶען עֶר מִיט דֶעם אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס, אוֹיבּ אָבֶּער אִיז עֶר אַ מֶענְטְשׁ פוּן בֵּיין, וָואס הֶערְט נָאר דֶעם קוֹל הֲבָרָה, דֶעם וִוידֶערְקוֹל, "לֹא יָצָא", הֶעלְפְט עֶס אִים נִישְׁט אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט, וִוי מֶען קֶען דָאס זֶען אִינֶעוֵוייניג גֶעדְרוּקְט אִין דִי תּוֹרָה, הָאט דֶער רֶבִּי צוּגֶעלֵייגְט אַז עֶס אִיז לִכְאוֹרָה דָא אַ קַשְׁיָא אוֹיף דֶעם פְּשַׁט, אַז דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַז דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט וִוי פְלֵייש, פַאר זֵיי אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ הֶערְן דִי הֵיילִיגֶע קוֹלוֹת, זֵיי הֶערְן נָאר דֶעם וִוידֶערְקוֹל אוּן זֵיי וֶוערְן נִישְׁט נִתְעוֹרֵר פוּן דֶעם, אָבֶּער וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין אִין דִי מִשְׁנָה הָאט דָאךְ דֶער רֶבִּי עֶס אוֹיסְגֶעטַייטְשְׁט אַז מֶען רֶעדְט דָא פוּן אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין גְרוּבּ אַרַיין, עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן גֶעבְּט דִי מִשְׁנָה צְוֵויי אוֹיסְוָואלְן, אוֹיבּ יֶענֶער הָאט יָא אָדֶער נִישְׁט גֶעהֶערְט דֶעם קוֹל שׁוֹפָר, מֶען הָאט דָאךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט אַז אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט הֶערְן דֶעם קוֹל שׁוֹפָר, עֶר הֶערְט אַלְץ נָאר דֶעם וִוידֶערְקוֹל, וִוי אַזוֹי קֶען דֶער מֶענְטְשׁ אִינֶעם גְרוּבּ הֶערְן דֶעם קוֹל שׁוֹפָר? דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט דִי קַשְׁיָא, עֶר הָאט נָאר גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן דֶעם, אוּן גֶעזָאגְט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט דָאךְ סֵיי וִוי נִישְׁט דֶעם גַאנְצְן עִנְיָן אַזוֹי גוּט.

מֶען הָאט אָבֶּער פַארְשְׁטַאנֶען פוּנֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶס לִיגְט עֶפֶּעס טִיפֶערְס אִין דֶעם; אַז אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז טַאקֶע טִיף אִין גְרוּבּ, עֶר אִיז אַ שְׁטִיק בֵּיין, עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייט פוּנֶעם צַדִיק, אוּן וַוייט פוּן זַיין אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה; אוֹיבּ אָבֶּער וֶועט עֶר זִיךְ גוּט אָנְשְׁפִּיצְן דִי אוֹיעֶרְן, עֶר וֶועט צוּלֵייגְן זַיין קָאפּ אוּן מֹחַ אוּן זִיךְ שְׁטַארְק אָנְשְׁטְרֶענְגֶען יָא צוּ הֶערְן וִוי זַיין נְשָׁמָה בֶּעט זִיךְ בַּיי אִים, וִוי דִי צַדִיקִים רֶעדְן צוּ אִים, זֵיי וִוילְן אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אוֹיפְ'ן גְלַייכְן וֶועג, זֵיי וִוילְן אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נָאךְ יָא אַ הָאפֶענוּנְג יָא צוּ הֶערְן דִי הֵיילִיגֶע קוֹלוֹת, אוּן עֶס וֶועט אִים יָא הֶעלְפְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לָאמִיר לֶערְנֶען דִי פְּשׁוּטֶע פְּשַׁט אִין דִי מִשְׁנָה, זָאגְן אוּנְז חֲזַ"ל דִי הֲלָכָה פוּן תְּקִיעַת שׁוֹפָר, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בְּלָאזְט גֶעהֶערִיג שׁוֹפָר, דַארְף מֶען נִישְׁט קְלֶערְן אוֹיבּ עֶר הָאט טַאקֶע גֶעהֶערְט דֶעם קוֹל שׁוֹפָר אָדֶער נָאר אַ וִוידֶערְקוֹל, מֶען וֵוייסְט זִיכֶער אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט שׁוֹפָר אוּן עֶר הָאט יוֹצֵא גֶעוֶוען, נָאר וֶוען עֶר בְּלָאזְט אִין אַ גְרוּבּ, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען מַבְחִין זַיין וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעהֶערְט, אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעהֶערְט דֶעם קוֹל פוּנֶעם שׁוֹפָר אַלֵיין אָדֶער נָאר פוּנֶעם וִוידֶערְקוֹל. דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים פְּשַׁט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט אַרַיין, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז וִוי פְלֵייש, דֶעמָאלְט אִיז קְלָאר אַז עֶר הֶערְט דֶעם קוֹל פוּנֶעם צַדִיק אוּן פוּן זַיין נְשָׁמָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אָבֶּער וִוי אַ בֵּיין, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען מַבְחִין זַיין וָואס עֶר הֶערְט, סְתַּם אַזוֹי הֶערְט עֶר טַאקֶע נָאר דֶער וִוידֶערְקוֹל, עֶר דֶערְהֶערְט נִישְׁט אֱמֶת'דִיג דִי הֵיילִיגֶע קוֹלוֹת וָואס שְׁרֵייעֶן צוּ אִים, וֶועקְן אִים, עֶר זָאל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוֹיבּ אָבֶּער שְׁטְרֶענְגְט עֶר זִיךְ, עֶר קְרֶעכְצְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וִויל אֱמֶת'דִיג יָא זַיין ווּאוֹיל, נָאר עֶר אִיז גֶעבִּינְדֶען בַּיי זַיין יֵצֶר הָרָע, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּרַייסְן פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהֵייטְן, דֶעמָאלְט קֶען עֶר יָא זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְן דִי הֵיילִיגֶע קוֹלוֹת, אוּן דָאס וֶועט אִים עֶרְוֶועקְן אוּן וַוייזְן דֶעם וֶועג צוּרִיק אַרוֹיס פוּנֶעם טִיפְן גְרוּבּ.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳
# באנייעט די ארבעט ביים
# בנין היכל הקודש אין אומאן

ווי די איינוואוינער אין אומאן געבן איבער, שפירט מען בכלל נישט דארט קיין מלחמה צושטאנד ברוך ה׳. די זעלבע זאך הערט מען פון די פילע אידן וועלכע פארן כסדר אויף מקומות הקדושים אין אוקריינא אין די יעצטיגע טעג, אז די ווערטשאפט אין יענע געגנט פון אוקריינא איז ממש רואיג; עס זענען נאך טאקע נישטא קיין אפענע לופטפעלדער אין אוקריינא, מען דארף דערווייל פארן צו איינע פון די מערב אייראפעאישע לענדער און פון דארט אריינפארן מיט א קאר, אבער ווי מען זאגט זענען די וועגן פון פוילן, אונגארן, רומעניע און מאלדאווא קיין אומאן זייער רואיג און שטיל.

דער ראש ישיבה זאגט אז אזוי ווי עס זעט יעצט אויס וועט מען בעזהשי"ת קענען פארן קיין אומאן אויפ׳ן קומענדיגן ראש השנה, דערפאר זאל מען צוגרייטן דעם בנין געהעריג מיט אלע געברויכן אויף ראש השנה, סיי דער בית המדרש, די קאך, די מקוה, די וואסער, עסן, און אזוי ווייטער.

און טאקע אין די טעג גייט שוין די ארבעט אן העפטיג איינצורישן דעם בנין פאר אנשי שלומינו מיט אלע געברויכן, מען גרייט אן די וואסער סיסטעם, מען באשטעלט דאס עסן, מען פאררעכט וואס עס פעלט אויס, מען גרייט צו דעם בנין אויפצונעמען די הונדערטער אידן תלמידי היכל הקודש זאל האבן א פיינע אכסניא בעזהשי"ת אין די טעג וואס מען וועט מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף ווילן אין אומאן אויף קומענדיגן ראש השנה תשפ"ג.

אזוי אויך, צוליב די גרויסע צאל פון פרישע מקורבים ברוך ה׳, ווי מען האט געזען פונעם גרויסן געדרענג דעם פארגאנגענעם יאר, ווען מען האט געדארפט אפזאגן זייער אסאך אנשי שלומינו, נאכדעם וואס עס איז שוין נישט מעגליך געווען אריינצונעמען נאך מענטשן, האט דער ראש ישיבה געבעטן מען זאל דאס יאר פארענדיגן בויען דער זעקסטער שטאק אינעם בנין, וואס מען פלאנט מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף פולקאם צו ענדיגן אויף ראש השנה תשפ"ג. דאס וועט זיין דער פערטער שטאק פון שלאף צימערן פונעם בנין.

ערליכע אידן בכלל, און ברסלבע חסדים בפרט, ווייסן און געדענקען אז קיין שום זאך קען מען נישט דערגרייכן אן תפלה, און זיכער נישט אזא גרויסע זאך ווי זיין ביים הייליגן רבי׳ן אויף ראש השנה, וואס דער רבי האט געזאגט דערויף "וואס זאל איך אייך זאגן, קיין גרעסערס פון דעם איז נישט פארהאן, קיינער טאר נישט פעלן", איז זיכער אז מען דארף דערויף תפלה. דאס איז געזאגט געווארן אפילו אין א געוועהנליכע יאר, און זיכער אין אזא יאר, ווען דער ס"ם פרובירט זיך צו פארלייגן אויף די לענג און אין די ברייט אפצוהאלטן דאס קומען קיין אומאן אויף ראש השנה, דארף מען זיכער מאכן נישט אויסלאזן קיין געלעגנהייט פון בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל האבן די זכיה אויך דאס יאר אנצוקומען צום הייליגן רבינ׳ס ציון. מיט תפלה קען מען אלעס פועל׳ן.

**מי יתן לי אבר כיונה אעופה ואשכונה!**



# סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **מעכל ראזענפעלד** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **שבתי מארקוס** הי"ו

צו די אפשערן פון זיין זון **יואל** נ"י למזל טוב

די מוסדות זענען שטארק מכיר טוב פאר ר׳ שבתי אויף די פילע כוחות וואס ער לייגט אריין שטענדיג ארויסצוהעלפן מיט אלעם וואס מ׳דארף, ובפרט מיט׳ן צוזאמשטעלן די רענט פאר די בניני הקהלה. זאל דער אייבערשטער העלפן אז די גרויסע זכותים זאלן אים ביישטיין, ער זאל זען פיל אידיש נחת געזונטערהייט, פרנסה בשפע, דורות ישרים ומבורכים. מיט סייעתא דשמיא

# שיעורים כסדרן

מען קען מיטזאגן משניות, גמרא, תהלים, תיקון הכללי, תפלת הדרך, פרשת המן, ירושלמי, תוספתא, ליקוטי מוהר"ן, און נאך

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 6**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידו"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**